איין מס' מדות האלט מען דאך שוין משנה ג' (מ"א נתבארה בש"מ מנ"א, ומ"ב באור לער"ח מנ"א), וואס אין משנה ג' זאגט ער "חמשה שערים היו לו להר הבית", און דערנאך אין משנה ד' זאגט ער "שבעה שערים היו בעזרה".

איז דאך ידוע די קושיא וואס די גמרא פרעגט אין תמיד (כז,א) אז דא זאגט ער <u>שבעה</u> שערים היו בעזרה, און אין משנה א', ווען ער רעכנט אויס וואו די לוויס האבן געהיט שטייט "חמשה על <u>חמשה</u> שערי העזרה"?

ענטפערט די גמרא צוויי תירוצים: א) אמר אביי תרי מינייהו (צוויי פון די זיבן שערים) לא צריכי שימור. ב) רבא אמר תנאי היא: ס'איז דא א תנא וואס האלט (מדות פ"ב מ"ו) אז ס'זיינען געווען י"ג שערים; ס'איז דא א תנא וואס האלט אז ס'זיינען געווען ח' שערים; ס'איז דא א דעה - ז' שערים, וואס דאס איז משנה ג'; און ס'איז דא א דעה וואס האלט אז ס'זיינען געווען ה' שערים, וואס דאס איז אין מ"א.

דארף מען פארשטיין: ס'איז ידוע דער כלל אז ס'קען ניט זיין קיין פלוגתא אין מציאות - איז וואס איז דא די פלוגתא וויפל שערים ס'זיינען געווען בעזרה; דאס איז דאך לכאו' א פלוגתא אין מציאות?

- אין -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

אין פיהמ"ש להרמב"ם (משנה א׳) שטייט: "ומה שאמר כאן חמשה שערי העזרה הוא לדעת ת"ק כו׳" (כרבא בתמיד שם). אע"פ אז ער זאגט ווייטער "ולדעת חכמים הי׳ המשמר על ה׳ שערים מן הז׳" (כאביי שם), אעפ"כ זאגט ער אז די משנה (דחמשה שערים) איז לדעת ת"ק.

עפי"ז איז שווער אין רמב"ם הל׳ ביהב"ח, וואס אין פ"ה ה"ד זאגט ער אז אין עזרה איז געווען שבעה שערים (כדעת חכמים), און אין פ"ח ה"ח איז ער מעתיק לשון המשנה (דקאי לדעת ת"ק) "על חמשה שערי העזרה"? *)

עד"ז אין הל׳ ביהב"ח האלט מען שוין פ"א ה"ב, וואס דארטן זאגט דער רמב"ם:

"כיון שנכנסו לארץ העמידו המשכן בגלגל ארבע עשרה שנה שכבשו ושחלקו. ומשם באו לשילה ובנו שם בית של אבנים ופרשו ידיעות המשכן עליו ולא היתה שם תקרה. ושס"ט שנה עמד משכן שילה וכשמת עלי חרב ובאו לנוב ובנו שם מקדש. וכשמת שמואל חרב ובאו לגבעון ובנו שם מקדש ומגבעון באו לבית העולמים. וימי נוב וגבעון שבע וחמשים שנה".

דארף מען פארשטיין: וואס איז די נפק"מ להלכה פון דער גאנצער הלכה? דאס איז לכאו׳ בלויז אן ענין אין דברי ימי ישראל, און ס׳האט ניט קיין שייכות צו הלכות בית הבחירה?

ואע"פ אז דאס איז א משנה אין זבחים (קיב, ב), איז אבער (א) דארט ברייננגט זיך די תוצאה דערפון בנוגע להלכה, אז בעת משכן שילה איז נאסרו הבמות, און בעת נוב וגבעון הותרו הבמות וכו׳, משא"כ דער רמב"ם דערמאנט דאס ניט; (ב) דער רמב"ם גיט צו אן ענין וואס שטייט ניט אין משנה - דעם מספר פון די יארן וואס יעדערער פון זיי איז געשטאנען, וואס דאס איז דאך לכאו׳ זיכער אן ענין וואס איז נוגע בלויז אין דברי ימי ישראל, ניט אין הלכה?

בנוגע די משנה אין מדות, איז דער ביאור בזה אז דאס איז טאקע ניט קיין מחלוקת אין מציאות; לכו"ע זיינען געווען י"ג שערים אין גאנץ הר הבית - די מח׳ איז נאר וועלעכע פון די פתחים האבן געהאט א דין פון א שער: לויט דעם מ"ד אז י"ג שערים היו - האבן אלע פון זיי געהאט א דין שער; משא"כ לויט די אנדערע מ"ד, ביז לויט דעם מ"ד וואס האלט אז ס׳זיינען געווען נאר ה׳ שערים - האבן די איבעריקע שערים ניט געהאט קיין דין פון א שער.

וואס איז די נפק"מ צו דאס האט א דין פון א שער? וועט מען דאס מבאר זיין נאך דעם ביאור אין אן אנדער שאלה וואס איז דא אין דער משנה:

צוליב וואס דארף די משנה זאגן אז שבעה שערים היו לעזרה; מ׳קען דאך אליין איבערציילן די שערים וואס די משנה רעכנט אויס שפעטער, וועט מען זען אז ס׳איז דא שבעה שערים, איז מבינא למה לי?

און ווי מ׳געפינט די שאלה אפי׳ בנוגע צו די קס"ד וואס שטייען

- אין -

---

*) ואף דמפרש בפ"ח שם "שהדי הכהנים שומרים על שער המוקד ועל שער הניצוץ" - הולל"פ כן גם בפיהמ"ש, ולא לאפושי מחלוקת (ובנדו"ד - לחדשה).

אין גמ', צוליב וואס דארף שטיין דער קס"ד? און סו"ס דארף מען אנקומען צום ביאור, אז אע"פ וואס במקום זה איז דער קס"ד אפגעפרעגט, איז דאס אבער נוגע בבק"א, און דערפאר דארף דאס שטיין, אבער בנדו"ד ווערן דאך די שערים דערנאך אויסגערעכנט אין משנה, איז אויף וואס דארף שטיין פריער דער מספר הכולל?

- מילא אין רמב"ם איז דאס קיין קושיא ניט, ווארום מ'זעט בכלל אז דרכו של הרמב"ם איז יע אויסרעכענען דעם מספר, ווי מ'זעט דאס דערפון וואס פאר כללות ספרו רעכנט ער אויס וויפל מצוות זיינען דא בכלל, און דערנאך פאר יעדערער פון די הלכות רעכנט ער אויך אויס דעם מספר המצוות וואס זיינען דא אין די הלכות, און ער איז זיי מפרט, און ערשט דערנאך שרייבט ער די הלכות, וואס דארטן שטייט דאך נאך אמאל די מצוות, איז דערפון פארשטאנדיק אז דעם רמב"ם'ס שיטה איז צו שרייבן וואס מערער מאל דעם מספר הכולל פון די פרטים,

ווי דער הסבר אין דעם זאל נאר זיין: צי מצד די מעתיקים, כדי זיי זאלן ניט האבן קיין טעות, ווארום אז מ'וועט זען אז ס'שטימט ניט מיטן מספר הכולל, וועט מען זיך כאפן אז ס'פעלט דא עפעס אין דער העתקה, און מ'וועט נאך קוקן וכו' (ווי מ'האט דאס געזען לפועל); אדער כדי מאכן גרינגער דעם זכרון וכו' -

עכ"פ אין רמב"ם איז ניטא דער כלל פון מנינא למה לי, אבער אין משנה איז דער כלל דא, ווי מ'זעט אז די גמ' שטעלט זיך בב"מ אויף דער שאלה, איז דאך ניט פארשטאנדיק פארוואס רעכנט אויס די משנה דעם מספר?

[ווי גערעדט אמאל דעם ביאור אין-א משנה אין הייניקן פרק (פ"ב מ"א) - וואס דארטן שטייט: "הסתכל בשלשה דברים כו' עין רואה ואזן שומעת וכל מעשיך בספר נכתבים". וואס דא איז אויך די שאלה מנינא למה לי, וואס דארף ער זאגן הסתכל בשלשה דברים].

והביאור בזה: בשעת מ'זאגט פריער א מספר הכולל, און דערנאך רעכנט מען אויס די פרטים, באווייזט דאס אז די זיינען א מציאות אחת, און יעדערער פון זיי איז מעכב דעם צווייטן;

ע"ד ווי דאס איז אין ערי מקלט, וואס ס'שטייט "שש ערי מקלט תהיינה לכם" (מסעי לה, יג), לערנט מען אפ דערפון (מכות ט, ב) אז די ערי מקלט זיינען ניט קולט ביז ס'וועט זיין אלע זעקס, אע"פ וואס ס'זיינען געווען באזונדערע ג' ערים מעבר לירדן מזרחה, און באזונדערע ג' ערים אין עבר הירדן מערבה, און די ערשטע דריי האט משה רבינו מבדיל געווען וכו', און אע"פ אז ס'איז זעקס באזונדערע שטעט, און זיי האבן דאך געדארפט זיין ווייט איינע פון די אנדערע, כדי מ'זאל קענען אנטלויפן אהינצו, כל אחד ממקומו,

אעפ"כ לערנט מען אפ פון דעם וואס ס'שטייט שש ערי מקלט תהיינה, אז ס'דארף זיין א הווי' אחת פון אלע זעקס, וואס דערפאר איז איינע מעכב די צווייטע, און אינם קולטות ביז ס'וועלן זיין אלע זעקס.

וע"ד וואס רש"י זאגט אויף שבעת ימים - שטיינ"א של ימים (בא י, כב), אז דאס איז איין מציאות וואס שטעלט זיך צונויף פון דעם מספר (וראה לקו"ש אמור ש.ז.).

- און -

הנחת הת' בלתי מוגה

און עד"ז איז בנוגע צו די שערים, אז וועז האט יעדערער פון זיי א דין שער, איז דאס דוקא בשעת ס'איז דא דער מספר השערים.

לגבי וואס פאר א דין איז א נפק"מ צו דער שער האט א דין פון א שער? איז דא ענינים וואס לגבי זיי דארף זיין א ביאה אין מקדש; ער דארף אריינגיין אין מקדש. זאגט די גמרא (שבועות יז, ב. וראה מנחות כז, ב. מנ"ח מצוה שס"ג) אז בשעת מ'גייט אריין דרך גגין, הייסט דאס'ניט קיין ביאה, ווארום דאס איז ניט דרך ביאה, ועד"ז איז אויך בנוגע צו דעם שער: אויב דאס האט א דין שער, איז די כניסה דורך דעם שער שמה ביאה, משא"כ אויב דאס האט ניט דעם דין פון א שער, הייסט דאס ניט קיין ביאה.

עד"ז איז די נפק"מ אין דעם שער וואס דארטן איז געווען די לשכת פרהדרין, לשכת כה"ג, וואס די גמ' (יומא י, א ואילך) זאגט אז דער שער איז מחוייב במזוזה, דארף דאס האבן א דין פון א שער, ווארום א פירצה איז דאך ניט חייב במזוזה.

- וואס דעם ענין דערמאנט מען בקשר מיט די התעוררות במיוחד אין מבצע מזוזה, און דער ביאור אין תוכן פון לשכת פרהדרין, איז מבואר אין תולוי"צ אויף מדות וואס מ'וועט שפעטער מבאר זיין.

ועוד נפק"מ: הפתחים שיש להם דין שער צריכים שמירה.

ועד"ז ברמב"ם דבפ"ח מדבר בדין שמירה משא"כ בפ"ה ה"ד דמדבר בפרטי הבנין, ובנוגע לשערים רוחב וגובה כו' ובזה כל הז' שווין *).

דער ביאור אין רמב"ם: וועט מען דאס פארשטיין בהקדם נאך א קושיא: אין ה"א ברייגנט דער רמב"ם דעם פסוק "ועשו לי מקדש", שטעלט זיך די שאלה: ער קען דאך ברייגנען א פסוק וואס איז פארבונדן מיטן ביהמ"ק, "והי' המקום אשר יבחר ה' אלקיכם (ראה יב, יא)"?

נאך א שאלה איז דא אין רמב"ם ריש הל' מלכים: דער רמב"ם זאגט דארטן אז "שלש מצות נצטוו ישראל בשעת כניסתם לארץ, למנות להם מלך .. ולהכרית זרעו של עמלק .. ולבנות בית הבחירה שנאמר לשכנו תדרשו ובאת שמה (ראה יב, ה)".

פרעגט מען אויף דעם די שאלה (ראה לח"מ שם): דער פסוק "לשכנו תדרשו" גייט דאך אויף משכן שילה (ספרי ורש"י עה"פ)?

והביאור בזה:

- דאס -

---

*) עפכהנ"ל - יובן שינוי הרמב"ם בהל' ביהב"ח פ"ח ה"ח מלשון המשנה רפ"א בית הניצוץ כו' המוקד (וכביה"ב פ"ח ה"ה) לשער המוקד כו' הניצוץ (כשם מ"ד). ולכן לא פי' בפיהמ"ש כנ"ל - שהרי כתוב בית.

ועצ"ע המשנה פ"א מ"ה "והלוים מלמטן" דלא כפיה"מ (מ"א) ודלא כביהב"ח (ה"ח) ודלא .. כאביי! והרמב"ם לא הביאו וראה מל"מ (ביהב"ח פ"ח ה"ד).

ועוד להאריך בכ"ז.